UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Aleks Robin – Der Mentsh Un Gezelshaftslekher Tuer/ Alex Robbin – The Man and Social Activist

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/1cv5x2bv

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

Author
Zalman Schlosser, Zalmen Shloser/

Publication Date
1981

Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

זלמן שלאָסער

# דער מענטש און געזעלשאַפטלעכער טוער
# אַלעקס ראָבין ע״ה

(1896 — מערץ 3, 1981)

מיט טיפן טרויער און צער דערמאָנען מיר דעם אָנדענק פון אַ געטרייען און ליבן חבר און פריינד. מיר וועלן אים געדענקען פאַר זיין איבערגעגעבענער און אומדערמידלעכער אַרבעט פאַרן יידישן כלל, דאָ אין שטאָט און אין דער צעשפּרייטער יידישער קולטור־וועלט. ער איז געווען אַ מענטש וואָס האָט מיט זיינע מעשים אַרויסגערופן פאַרערונג און רעספּעקט.

מען האָט אים ליב געהאַט.

אַלעקס ראָבין איז געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס אַן עושר. טאַקע נישט קיין מיליאָנער, נאָר דאָך אַ רייכער ייד. און געשטאָרבן איז ער טאַקע נישט קיין קבצן, נאָר דאָך גאַנץ ווייט פון אַ גביר.

לויטן שכל האָט ער געדאַרפט טאַקע ערשט דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס, די שטאָט פון אַ סך מעגלעכקייטן, ווערן אַ מיליאָנער, ווייל אין 1945, ווען ער איז געקומען אַהער זיינען אַלע טירן געווען אָפן פאַר אים צו שטייגן גאָר הויך אין דער ביזנעס וועלט. ער איז נאָך דאַן געווען יונג, אַמביציעז, געהאַט אַ גרויסע קאַנטשאַפט, ליב געהאַט מענטשן און געזעלשאַפט, און אויך געהאַט גענוג מזומן צו מאַנעווורירן און מאַניפּולירן מיט פאַרשידענע אונטערנעמונגען ווי ריעל עסטייט אָדער האָלסייל געשעפטן.

געשען איז אָבער עפּעס אַנדערש, מחמת צוויי אייגנשאַפטן זיינע: איינס, זיין האַרץ האָט געצויגן צו גרויסע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע פּראָיעקטן, וואָס אין קליינע שטעט האָט מען געקענט בלויז חלומען וועגן זיי, אָבער דאָ אין דער גרויסער מעטראָפּאָליע האָט מען זיי אויך געקענט רעאַליזירן.

די צווייטע אייגנשאַפט זיינע, וואָס איז געווען איינגעבאַקן אין זיין האַרץ פון קינדוויז אָן, לעבנדיק אין קליינע יידישע ישובים — זיינע קינדער־יאָרן אין אַ דאָרף פון בלויז צוויי יידישע משפּחות, זיין יוגנט אין סיו סיטי, אייאָוואַ, מיט אַ קליינע יידישע באַפעלקערונג, און נאָך דעם אין דזשעקסאָנוויל, פלאָרידאַ, אויך אַ קליינער ישוב — די אייגנשאַפט צו געטרויען און צו גלייבן מענטשן אויפן וואָרט. ער האָט באמת ליב געהאַט מענטשן און זיי געטרויט.

דאָס זיינען אָן ספק שיינע מענטשלעכע מידות, זיי קענען אָבער אַ מאָל אויך פאַרפירן, אויב מען איז נישט פּאָרזיכטיק. און אַלעקס ראָבין איז פּאָרזיכטיק נ י ש ט געווען. ער איז געווען ממש פאַרכאַפּט פון די גרויסע מעגלעכקייטן אין דער כסדר וואַקסנדיקער גרויסער שטאָט. עס האָט אים געצויגן צו „ביג ביזנעס״ און צו גרויסע געזעלשאַפטלעכע פּראָיעקטן. נאָר זייענדיק פאַרטאָן מיטן יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, מיטן ייוו״אָ, מיט דער מיטלשול, מיטן קינדער טעאַטער, און אויך מיט דער „ביוראָ פון דזשויש עדיוקיישאן״, האָט אים אויסגעפעלט צייט פאַר זיינע אייגענע געשעפטן. עס האָט גענומען צייט ביז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער פאַרלירט דאָס העמד. זיינע פאַרטרויליכע אָנגעשטעלטע האָבן אים באַגנבעט רעכטס און לינקס. דער סוף איז געווען, ער איז קוים אַרויס נקי, און געבליבן ביי זיין ליבלינג, ביי דער אַרבעט פון זיצונגען, פּראָיעקטן, קאַמפּיינס פאַר דער מיטלשול, פאַרן קינדער טעאַטער, פאַרן ייוו״אָ און נאָך און נאָך.

אין חסידישן פֿאָלקלאָר, ווו עס דער־ציילט זיך וועגן דער גרויסקייט און די ווּונדער פֿון גרויסע צדיקים, דערציילן חסידים, אַז דער בעל־שם זאָל האָבן גע־זאָגט, אַז איטלעכער ייד ווערט אַראָפּגע־שיקט אויף דער וועלט כּדי דורך שליחותן מתקן צו זיין די אייגענע נשמה און די נשמות פֿון אַנדערע יידן דורך פֿאַרקניפּן און פֿאַרבינדן זיך אַליין מיט די אַנדערע נשמות. „איך קניפּ זיך אָן“ — האָט ער געזאָגט — אין דעם כּלל ישׂראל, מיט די גרעסערע, אַז זיי זאָלן מיך דערהויבן, און מיט די קלענערע, אַז זיי זאָלן דערהויבן ווערן דורך מיר.“

שוין אין דזשעקסאָנוויל האָט אַלעקס ראַבן אָנגעהויבן זיך צו פֿאַרבינדן מיט די גרעסערע, אַז זיי זאָלן אים דערהויבן. זיין היים איז ביסלעכווייז געוואָרן די היים פֿון שלוחים און שרייבערס, וואָס פֿלעגן קומען אין שטאָט צו שאַפֿן פֿאָנדן פֿאַר יידישע אינסטיטוציעס; יידישע שרייבערס וואָס פֿלעגן קומען האַלטן לעקציעס, שריי־בערס ווי שמואל ניגער, יואל ענטין, די ברידער שטיינבערג — ביידע פֿרומע יידן און גרויסע מענטשן; געזעלשאַפֿטלעכע טוערס ווי וולאַדעק, יעקב פּאַט, לויס סיגאַל, נחום כאַניך, און פֿיל אַנדערע, וואָס פֿלעגן מאַכן זייער היים ביי די ראַבינס.

דורך זיינע פֿאַרבינדונגען מיט די שאַ־פֿערס פֿון יידישע קולטור־ווערטן איז אַלעקס דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פֿון אַן אידעאַליסטישן עסקן בצרכי ציבור און דורך זיין ברענגען יידישע פֿאָלקס־מענטשן צו די לעבעדיקע קוואַלן פֿון יידישן גייסט האָט ער זיי דערהויבן צו מדרגות, וואָס זיי וואָלטן אָן אים נישט דערגרייכט.

ראָבין האָט געקענט אויסקומען מיט מענטשן, אַפֿילו ווען ער איז געווען דער באַזוולטער, דער געקריוודעטער. ער האָט געהאַט אַ ברייט האַרץ, וואָס האָט געקלאַפּט פֿאַר אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט יידיש לעבן: קינדער־שולן, קולטור־אָוונטן, ביכער, הילף פֿאַר מדינת ישׂראל. האָט מען געדאַרפֿט ברענגען אַ לעקטאָר פֿון ניו־יאָרק, צי מקבל פּנים זיין אַ יידישן שרייבער, שאַפֿן אַרום אים אַן אינטימע סביבה, פֿאַרקויפֿן זיינע ביכער, פֿאַרקויפֿן בילעטן, אָדער אַפֿילו אַליין דערלייגן צו דער אונטערנעמונג — ער איז געווען פֿון די ערשטע. האָט מען געשאַפֿן אין ישׂראל דעם פּרץ פֿאַרלאַג און מען האָט געדאַרפֿט שאַפֿן קונים און אַבאָנענטן, האָט זיך ראָבין אין דעם אַריינגעוואָרפֿן מיט לייב און לעבן, ווייל ער האָט דורך דעם גע־וואָלט שאַפֿן אין ישׂראל אַ באַזע פֿאַרן יידישן פֿאַרלאַגס וועזן. און ווען מען האָט גענומען אויפֿשטעלן אַ לייוויק הויז אין ישׂראל איז ראָבין געווען פֿון די ערשטע צו שאַפֿן די נייטיקע ביישטייערס פֿאַר דעם קולטור־בנין.

און ווען אַברהם גאָלאָמב, דער זקן־הסופֿרים איז אַלט געוואָרן 80 יאָר, איז אַלעקס ראָבין געוואָרן די שטאַרקע טרייב־קראַפֿט אַרויסצוגעבן דאָס גרויסע ווערט־פֿולע בוך „חסד לאברהם“ פֿון נאָענט צו טויזנט זייטן. דאָס איז באמת געווען אַ ריי־זיקע אונטערנעמונג, וואָס האָט אים גע־האַלטן איינגעשפּאַנט אַ לאַנגע, לאַנגע צייט.

ראָבין פֿלעגט זיך אַליין וווּנדערן, וואָס כאָטש ער איז נישט געקומען פֿון אַ יידי־שיסטישער סביבה, נאָר פֿון אַ פֿרום יידי־שער היים, און אַ סך יאָרן דאָ אין לאַנד געלעבט אין אַ ספֿערע, וואָס איז געווען ווייט פֿון יידיש לשון בכלל, פֿון דעסט־וועגן האָט עס אים נישט געשטערט זיך צו האַלטן מיט יידיש. ס'איז געווען ווי עפּעס פֿון אַ טיפֿן קוואַל האָט גענומען פֿון אים אַרויסקוואַלן אַ ליבשאַפֿט און פֿאַרערונג פֿאַר יידיש. זיין גרויסער אינ־טערעס צו יידישקייט, צום קיום, יידישער קולטור, האָט ביי אים אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקן אומרו, וואָס פֿלעגט זיך איינ־שטילן נאָר אין מעשׂים, מעשׂים פֿלעגן אים אויפֿלעבן, ברענגען פּערזענלעכע פֿרייד.

פֿאַקטיש איז ער אַליין געוואָרן אַן איינגאַרטיקע, זעלבסטשטענדיקע אינס־טיטוציע. ער איז, ווי פֿון זיך אַליין גע־וואָרן דער פֿאַרבינדונגס מענטש צווישן די פֿאַרשידענע יידישע אינסטיטוציעס און יחידים דאָ אין שטאָט. וואָרעם ער האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דאָס שענסטע וואָס פֿאַראייניקט אַ סך פֿון אונדז, טראָץ די מיינונגס פֿאַרשידנקייטן. ער האָט גע־קענט פֿאַרקוקן דאָס וואָס צעטיילט מענ־טשן און בויען אויף דאָס וואָס פֿאַר־אייניקט אַלעמען.

דאָס איז געווען אַ וויכטיקער כאַראַק־

טער־שטריך זיינער, וואָס שטאַמט פון דעם וואָס זיין אַלגעמיינע דערציונג האָט ער פּאַקטיש געקראָגן שוין דאָ אין אַמעריקע און איז דאָ געוואַקסן מיט אַ סך ליבשאַפט פאַר אַלץ וואָס איז יידיש און אויך מיט אַ סך טאָלעראַנץ צו מענטשן מיט אַנדערע געדאַנקען און מיינונגען. דאָס האָט מסתמא אים געהאָלפן אויסצוברייטערן זיין בליק און פאַרנעם. די פּאָבליק סקול און די גאַס, די אַרמיי און זיין ראַנג פון אַ סאַרדזשענט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אין פראַנקרייך, און זיין רייף־געזעלשאַפטלעכע דערפאַרונג האָבן אים נישט געלאָזט בלייבן אָפּגעזונדערט אין אַן ענגן קליידל. ער האָט שטענדיק געזוכט אַ וועג אויסצוברייטערן זיין יידישע וועלט אַנשטאָט צו זוכן אַ וועג פון איר צו אַנטלויפן, ווי אַנדערע האָבן געטאָן.

דעריבער איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס ווי שטאַרק ער איז אַלע מאָל געווען אַריינגעטאָן אין יידישע פּראָיעקטן, האָט ער קיין מאָל נישט פאַרגעסן אָדער פאַרלאָרן זיין אינטערעס צו יענע אַלגעמיין אַמעריקאַנישע פּראָבלעמען און אַרבעטן, ווי צום ביישפּיל: „די סיוויל ליבערטיס יוניאָן“, די „קאָמאָן קאָוז“ און אפילו די ליבעראַלע וואָכן־שריפט „די ניו רעפּאָבליק“. ער איז געבליבן אַ גוט באַלאַנסירטער ייד, אַן אַמעריקאַנער יידישער ייד. ער פלעגט אָבער זעלטן ווען רעדן דערפון, אָדער אפילו וועגן בייסבאָל, וואָס ער האָט ליב געהאַט נאָכצופאָלגן. ער האָט עס באַטראַכט ווי אַ נאַטירלעכע זאַך.

פאַקטיש האָט ער זיין גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט באַטראַכט ווי אַ נאַטירלעכע זאַך, ספּעציעל די לעצטע יאָרן ווען דער קולטור קלוב איז געוואָרן זיין הויפּט־זאָרג. זייענדיק פּאָרזיצער האָט ער געדאַרפט באַזאָרגן די פּראָגראַמען פאַר יעדן שבת אָונט, און דאָס איז נישט פון די גרינגסטע זאַכן אפילו פאַר פּראָפעסיאָנעלע אימפּרעסאַריאָס, מחמת טאַלאַנטפולע לעקטאָרן אָדער פאָרלייענער, פאַרווילער, זיינען דאָ ווייניק און שבת האָבן מיר יעדע וואָך. ביי אַזאַ פּראָגראַם שבת אָונט אין קלוב, ווען ראָבין האָט געקענט באַווייזן אין זיינע גוט צוגעגרייטע איינלייטונגען עפּעס אַ חידוש פון אַ שיין יידיש ווערטל, אַ פּסוק, אַ געדאַנק אָדער עפּעס אַ ציטאַט וואָס ער האָט געדענקט, האָט ער זיך אַליין געפילט דערהויבן און מיט שטאָלץ געוואַרט אויף אַ קאָמפּלימענט פון זיינע פריינד און פאַרערער. און אויב די פּראָגראַם גופא איז נאָך דערצו אויך געווען דערפאָלגרייך, דאַן האָט ער געשיינט פון נחת.

ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט פאַרן קלוב, אַז ער האָט זעלטן פאַרפעלט אַ שבת אָונט. וואָרעם חוץ אַלע אַנדערע אויפגאַבן זיינע האָט ער נאָך געדאַרפט אויפנעמען אין זיין קאַר עטלעכע פּאַסאַזשירן וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער וועג צו קומען אין קלוב.

אפילו ווען ער איז שוין גוט קראַנק געווען, ווי דאָס איז געווען זיין לעצטער שבת, איז ער פון קראַנקן־בעט אַרויס און געקומען פירן דעם פאָרזיץ. יענע נאַכט, אַליין אין הויז, האָט ער קוים אויסגעהאַלטן, קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן, ווען ער האָט געבעטן זיין טאָכטער זי זאָל אים פירן אין שפּיטאָל. צום באַדויערן איז ער מיט בלויז צוויי טעג שפּעטער אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט און נישט דערלעבט צו זען זיין קרוין־אַרבעט, דעם אַכטן באַנד פון דעם „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור“, וואָס ער אַליין האָט געשאַפן דעם פאָנד פון צענדליקער טויזנטער דאָלערס צו דעקן די קאָסטן פון דער גרויסער אַרבעט. זיין גאַנצע זאָרג און האָפענונג די לעצטע וואָכן איז געווען צו זען זיין פּלאַן פאַרווירקלעכט. ער האָט זיך מיט די לעצטע כוחות געגרייט דאָס צו זען רעאַליזירט. ס'איז געווען זיין גרויסער חלום.

בלויז מיט עטלעכע טעג פריער האָט ער אונדז דערציילט, אַז דער באַנד וועט ענדלעך דערשיינען אין עטלעכע וואָכן אַרום און אַז ער גרייט זיך שוין צו פאָרן קיין ניו־יאָרק צו דער גרויסער פייערונג וואָס מען פּלאַנט.

איז דאָס ביסעלע עולם הזה, צו פרייד, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון אַ לאַנג, שווער און שעפעריש לעבן פון 85 יאָר אים נישט באַשערט געווען צו געניסן.

כבוד זיין אָנדענק און אַ טרייסט דער משפּחה.